בעזרת השם יתברך

# פרק פז-פח

## ואתחנן

## אין די פרקים ווערן ערקלערט:

די מצוה פון געבן צדקה לעילוי נשמתם פון די נפטרים. - די וויכטיקייט פון קבלת פני רבו אין אַ יום טוב. - מ'זאָל זיין געוואָרנט צו געבן פאַר די אָרימעלייט פון די סעודות יום טוב. - דברי תורה בשעת די סעודה. - דער וואָס בענטשט ברכת המזון מיט כוונה, וועט זוכה זיין צו הערן ברכת המזון פון דוד המלך ע״ה ביי די סעודה וואָס דער אויבערשטער וועט מאַכן פאַר די צדיקים לעתיד לבוא. - נישט מפסיק צו זיין צווישן מים אחרונים און ברכת המזון, און אַ מעשה דערויף פון די צייטן פונעם אריז״ל.

חודש ניסן איז דער קעניג איבער די אַנדערע חדשים, ווייל דאַן לייכט דער שם הוי׳ ב״ה כסדרו. - אין די חדשים ניסן און תשרי דאַרפן מיר מתפלל זיין פאַר די נשמות, ווייל זיי זענען דאַן מתפלל פאַר אונז. - אַ טעם פאַרוואָס מען גייט צום בית הקברות ערב ראש השנה און ערב יום כיפור. - דער ענין פון זאָגן די צוועלף נשיאים אין די ערשטע טעג פון חודש ניסן, און די תפילה וואָס מ'זאָגט דערויף. - מוסר פאַר די מענטשן וואָס האַלטן זיך גרויס. - אין חודש ניסן פאַנגען אָן די גראָזן צו וואַקסן, דעריבער דאַרף מען דאַן מתקן זיין די נשמות וואָס געפינען זיך דאָרט. - ניסן איז אַ צייט פאַר תשובה אַזוי ווי תשרי.

# אינהאלט
## פון פרקים פ״ז - פ״ח


א. אין פרק פ״ז ווערט ערקלערט: אז מען גיט צדקה פאַר די נשמות פון די מתים, זענען די מתים גרויסע מליצים פאַרן מענטש ........ ה

ב. דער מענטש דאַרף גיין זאָגען גיט יום-טוב צו זיין רבין, דאָס איז גלייך ווי ער איז מקבל די פני השכינה ........ ה

ג. יעדער וואָס בענטשט מיט כוונה, ווען ער שטאַרבט גיט מען אים אַ הויך אָרט אין גן עדן ........ ז

ד. מען טאָר נישט מפסיק זיין צווישן די מים אחרונים און צווישן בענטשן ........ ז

ה. דער אורח זאגט, שוין אַ לאַנגע צייט וואָס זיין אַקסל טוט אים וויי. - נאָך די מים אחרונים זאָל מען תיכף בענטשן, דאָס וואָרט ״תֵּיכֶף״ איז די אותיות ״כָּתֵף״ ........ ח

ו. די וויכטיגקייט פון בענטשן און זאגען שירה מיט כוונה ........ ח

ז. אין פרק פ״ח ווערט ערקלערט: אַז לָכֶם איז אותיות מֶלֶך, קומט מרמז צו זיין, אַז דער חודש ניסן איז אַ מֶלֶך און ראש צו אַלע חדשים ........ יא

ח. מיר דאַרפן מתפלל זיין אויף די הייליגע נשמות אין דעם חודש תשרי, און צו גיין אויף די קברים, און צו געבן צדקה פאַר די נשמות ........ יא

ט. ראש חודש ניסן זאָל מען זאָגען אַלע טאָג דעם נשיא פון דעם טאָג ........ יב


❖ ❖ ❖

# פרק פ"ז

## אין דעם פרק ווערט דערקלערט: אז מען גיט צדקה פאַר די נשמות פון די מתים, זענען די מתים גרויסע מליצים פאַרן מענטש

**עס שטייט** אין ספר רזיאל, די רשעים טוען נישט קיין תשובה אפילו ביי די טיר פון גיהנם, און זיי קענען דאָרטן נאָך זינדיגען און געשטראָפט ווערן, דערפאַר גיט מען צדקה פאַר די נשמות פון די מתים, און דעמאָלטס זענען די מתים גרויסע מליצים פאַר דעם מענטשן ווען ער איז מקיים דעם נדר, און גיט אָפּ די צדקה וואָס ער האָט מנדר געווען פאַר זייער נשמה, און דאַן שיקט השם יתברך אַ ברכה אין אַלע זייערע ווערק.

## אַ מענטש דאַרף גיין זאָגען גוט יום-טוב זיין רבי'ן, דאָס איז גלייך ווי ער איז מקבל פני השכינה

**און ווען** ער גייט ארויס פון שול, דאַרף דער מענטש גיין זאָגען גוט יום-טוב צו זיין רבי'ן, און דאָס איז גלייך ווי ער איז מקבל פני השכינה. דערנאָך זאָל ער גיין אַהיים עסן און טרונקען, און זיך פרייען מיט זיין פרוי און קינדער, און ער מוז אויך געבן פאַר די אָרימע לייט אַ שיינעם חלק.

## אין די טעג פון יום טוב גייט השם יתברך זען זיינע צעבראָכענע כלים

**ב. ודע שמצאתי כתוב,** און זאָלסט וויסן אַז איך האָב געטראָפן זוהר פרשת בראשית (הקדמה, י, ב) רבי שמעון האָט געזאָגט, אַז יעדער וואָס פרייט זיך אין יום טוב, און גיט נישט קיין חלק צו השם יתברך, דאָס הייסט צו אָרימע לייט וואָס זיי זענען דער חלק פון השם יתברך, דער ווערט גערופן רע עין, און דער

שטן האָט אים פיינט, און איז מקטרג אויף אים, און נעמט אים אַוועק פון דער וועלט, און פיל צרות רינגלט ער אים אַרום, ווייל די אָרימע זענען השם יתברך׳ס חלק, און דער אויבערשטער וויל מאַכן פריילעך די אָרימע לייט, און אין די טעג פון יום טוב גייט השם יתברך זען זיינע צעבראָכענע כלים, און אויב ער זעט אַז דער אָרימאַן האָט נישט מיט וואָס זיך צו פרייען, ווייל השם יתברך חרוב מאכן די וועלט.

## האָב איך דען נישט באַשאַפן די וועלט אויף חסד?

**ג. וואז באין** דעמאָלטס קומען פאַר אים די פמליא של מעלה און זאָגען, רבונו של עולם, דו ווערסט דאָך גערופן רחום וחנון, לאָז דיין רחמנות זיך קיילען אויף דיינע קינדער. זאָגט השם יתברך צו זיי, האָב איך דען נישט באַשאַפן די וועלט אויף חסד, און איך זעה נישט קיין שום חסד זאָל געטאָן ווערן אויף דער וועלט. זאָגען די מלאכי השרת עס איז אמת, דער מענטש וואָס עסט און ווערט זאַט, און קען טאָן גוט׳ס מיט ארימע לייט, און ער גיט זיי גאָרנישט, קומט תיכף דער מקטרג און בעט רשות נאָך צו יאָגען נאָך אים. אָבער אַז דער מקטרג זעט אַז דער מענטש האָט געטאָן גוט׳ס מיט אַן אָרימאַן אָדער ביי אים עסט אַן אָרימאַן שיידט ער זיך אפ פון דעם דאָזיגען הויז.

## וואָס פאַר אַ נחת רוח האָט השם יתברך פון די סעודות, אַז דאָרט איז נישט קיין שמחה של מצוה

**ד. ועל פי רוב,** על פי רוב ווערט אַ קריגעריי אויף די סעודות מצוה, וואָס מען זאָגט נישט דאָרט קיין תורה, און קיין אָרימע לייט איז דאָרט נישט דאָ. דען וואָס פאַר אַ נחת רוח האָט השם יתברך פון די סעודות, אַז דאָרט איז נישט קיין שמחה של מצוה, דערפאַר זאָל יעדער מענטש זען צו געבן אַ חלק צו אָרימע לייט פון יעדע סעודה, און אַכטונג געבן עס זאָל נישט קומען צו קיין אויסמיש פון פרויען און מענער, כדי עס זאָל נישט קומען אַפילו צו שלעכטע מחשבות.

## יעדער וואָס בענטשט מיט כוונה, גיט מען אים אַ הויך אָרט אין גן עדן

**ה. ויחשב כל אדם,** און יעדער מענטש זאָל טראַכטן אין זיין הארץ, אַז דער סוף פון דעם מענטש איז דאָך צו שטאַרבן, און בשעת די נשמה שיידט זיך אָפּ פון גוף, ווערט דער גוף איינגעשרומפּן און פאַרדאַרט און ווערים געוועלטיגן איבער זיין גוף, נו וואו זענען די תענוגים וואָס זיין לייב האָט געהאַט, זיי זענען גלייך ווי זיי זענען גאָרנישט געווען, און די זינד פון פיל עסן און טרינקען וואָס איז נישט געווען קיין סעודת מצוה, דאָס איז איבער געבליבן אויסגעקריצט אין זיין גוף מיט די ביינער, וואָס דורך זיין פיל עסן און טרונקען איז ער געקומען צו כמה מכשולים, און זיין מחשבה איז נישט געווען קלאָר צו בענטשן מיט כוונה, און דורך דעם האָט ער אַ גרויסן שאָדן. דער זוהר שרייבט איטליכער וואָס בענטשט מייט חדוה און מיט כוונה פון זיין האַרץ, ווען ער שטאַרבט גיט מען אים אַ הויך אָרט אין גן עדן.

## מען טאָר נישט מפסיק זיין צווישן מים אחרונים און בענטשן

**ו. ועוד מבואר,** און אויך שטייט אין זוהר אויף פיל ערטער (ח״ב קנד-ב, רסו-ב, ח״ג קפו-ב, קצא-ב) אַז די סטרא אחרא שטייט ביי דעם מענטשנ׳ס טיש, און מען דאַרף אים געבן אַ חלק פון די מים אחרונים, און מען טאָר נישט מפסיק זיין צווישן די מים אחרונים און בענטשן, און דער האר״י ז״ל (שער המצוות, קעב, מה, א) האָט מזהיר געווען אַז מען טאָר נישט מפסיק זיין אַפילו צו לערנען תורה נאָך די מים אחרונים פאַרן בענטשן.

**ז. פעם אחת,** אַ מאָל איז געקומען אַ חכם פון די תלמידים פון רבי משה קאָרדיווירו צום האר״י ז״ל, האָט ער אים זייער שיין אויפגענומען. בשעת די סעודה, האָט דער האר״י ז״ל געזען אַז ער

עסט נישט ווי א געזונטער מענטש, און האָט פאַרשטאַנען אַז ער מוז האָבן אַ ווייטאָג אין זיינע איברים, האָט דער האר"י ז"ל אים געפרעגט פאַרוואָס עסטו נישט, האָט דער אורח געענטפערט שוין אַ לאַנגע צייט וואָס זיין אַקסל טוט אים וויי, האָט דער האר"י אויף אים געקוקט און געזאָגט, דו האָסט אַוודאי מפסיק געווען צווישן מים אחרונים און בענטשן, האָט דער אורח געזאָגט עס איז אמת, איך פלעג לערנען איין פרק משניות נאָך מים אחרונים פאַרן בענטשן, האָט דער האר"י אים געזאָגט, דערפאַר איז דיר געקומען די ווייטאָג אין דעם אַקסיל, ווייל דו האָסט עובר געווען אויף די רייד פון די חכמים ז"ל, וואָס זיי האָבן געזאָגט, נאָך די מים אחרונים זאָל מען תיכף בענטשן.

## שוין אַ לאַנגע צייט וואָס זיין אַקסל טוט אים וויי. דאָס וואָרט "תֵּיכֶף" איז די אותיות "כָּתֵף"

דאָס וואָרט "תֵּיכֶף" איז די אותיות "כָּתֵף", דאָס איז טייטש אַקסיל. האָט דער האר"י ז"ל אים אַן עצה געגעבן, ער זאָל אויף זיך מקבל זיין, אַז פון היינט אָן און ווייטער זאָל ער שוין נישט מפסיק זיין, וועט ער געהיילט ווערן פון דעם קראַנקהייט.

## די וויכטיגקייט פון בענטשן און זאגען שירה מיט כוונה

**ח. מכאן,** מען זעט פון דא, אַז השם יתברך איז מדקדק אויף יעדן באַזונדער, און אַלע זיינע מעשים זענען מיט וואָג און מאָס, און דער וואָס בענטשט מיט כוונה, דער וועט זוכה זיין צו הערן לעתיד לבא דאָס בענטשן פון דוד המלך עליו השלום אויף דער סעודה פון לויתן. אויך שרייבט דער זוהר (פרשת תרומה קלב, א) דער וואָס זאָגט די שירה אָז ישיר מיט כוונה, דער וועט זוכה זיין צו זען מלך המשיח, ווי ער וועט זיין געקרוינט מיט דעם קרוין וואָס השם יתברך איז געווען געקרוינט אין דער צייט ווען די אידן זענען געגאַנגען אויף דעם ים און האָבן געזינגען די שירה.

**מיר זאָלן זוכה זיין צו זינגען די שירה צווישן די צדיקים**

**ט. ויהא רעוא,** און עס זאָל זיין דער ווילן פון השם יתברך, אַז ווען דעם זכות פון דער הייליגער שירה, וואָס די אידן זאָגען אַלע טאָג, און בפרט אין דעם פּייט פון שביעי של פּסח און אַחרון של פּסח, זאָלן מיר זוכה זיין צו זען דאָס פּנים פון מלך המשיח, ווי ער איז געקרוינט מיט דער קרוין וואָס פריער שטייט, און מיר זאָלן זוכה זיין צו זינגען די שירה צווישן די צדיקים במהרה בימינו אמן.

❖ ❖ ❖

# פרק פ״ח

**אין דעם פרק ווערט דערקלערט: אַז לָכֶם איז אותיות מֶלֶך, אַז ניסן איז מֶלֶך און ראש פון אַלע חדשים**

**א. הַחוֹדֶש הַזֶה לָכֶם,** דאָס וואָרט לָכֶם זענען די אותיות מֶלֶך, דאָס איז מרמז אַז חודש ניסן איז אַ מֶלֶך און אַ ראש צו אַלע חדשים. דער טעם דערפון איז, ווייל דער שם הוי״ה קען מתחלף ווערן אויף צוועלף צירופים, און יעדע צירוף איז קעגן אַ חודש פון יאָר, און אין חודש ניסן איז דער צירוף פון שם הוי״ה כסדר, אַזוי ווי עס שטייט געשריבן אויף פאַרשידענע ערטער, און דאָס ווייזט אויף גרויס רחמים, און דערפאַר זענען די מתים מתפלל אויף די לעבעדיגע אין חודש ניסן כדי דער שם הוי״ה זאָל לייכטן אויף אידן מיט רחמים.

**מיר דאַרפן מתפלל זיין אויף די הייליגע נשמות אין חודש תשרי, גיין אויף די קברים, און געבן צדקה פאַר די נשמות**

**ב. וכן בחודש תשרי,** אויך אין דעם חודש תשרי זענען די מתים מתפלל אויף די לעבעדיגע, כאָטש דעמאָלטס לייכט דאָך אַן אַנדער צירוף פון שם הוי״ה וואָס ער איז נישט לויטער רחמים, פון דעסטוועגן דורך דעם קול פון שופר ווערט דערוועקט רחמים, און אַזוי ווי מיר מאַכן אַ ברכה ״בָּרוּך אַתָּה ה׳ שׁוֹמֵעַ קוֹל תְּרוּעַת עַמּוֹ יִשׂראל בְּרַחֲמִים״, געלויבט ביסטו השם יתברך וואָס הערסט דאָס קול פון שופר פון זיין פאָלק ישראל מיט רחמים. דערפאַר, דאַרפן מיר אויך מתפלל זיין אויף די הייליגע נשמות אין דעם חודש תשרי, און גיין אויף די קברים, און געבן צדקה פאַר די נשמות, אָבער אין דעם חודש ניסן טאָר מען נישט פאַסטן, און מען טאָר נישט זאָגען קיין תחנות. דערפאַר איז ניסן דער מנהג נישט צו גיין אויף דעם בית

הקברות מתפלל זיין פאַר די מתים און זאָגען דאָרט תחינות, כדי דער חודש ניסן, זאָל זיין אינגאַנצען הייליג.

## ראש חודש ניסן זאָל מען זאָגען אַלע טאָג דעם נשיא פון דעם טאָג

**ג. ובמה נעשים**, און מיט וואָס קענען מיר אפּדאַנקן מתים אין ניסן, שרייבט דער של"ה, מען זאָל פון ראש חודש ניסן זאָגען אַלע טאָג דעם נשיא פון דעם טאָג, און דערנאָך זאָגען די תפילה וואָס עס שטייט אין די סידורים, יהי רצון מלפניך ה' אלוקינו ואלקי אבותינו שתאיר היום בחסדך הגדול על נשמתין קדישין וכו', און ווייל די צדקה איז צו אַלע תפלות ווי בשמים צו איין עסן, דערפאַר איידער ער הייבט אָן צו לייענען דעם נשיא פון יעדן טאָג, זאָל ער עפּעס געבען אָדער מנדר זיין פאַר צדקה לויט זיין פאַרמעגן, און מיט דער צדקה איז ער מזכה גאָר דעם שבט וואָס זיין נשיא האָט דעם טאָג מקריב געווען איין קרבן אין משכן.

## נעמען זיי זיך מתפלל צו זיין דאָס מבטל צו זיין, נאָר זיי האָבן נישט קיין רשות דאָס מגלה צו זיין

**ד. ובהיות שכל החודש**, און וויבאַלד אַלע טעג פון ניסן זענען ימי רצון, וועגן דעם זענען די הייליגע נשמות דעמאָלסט מתפלל פאַר אונז, ווייל די נשמות זענען שטענדיג גרייט פאַר אונז מתפלל צו זיין. ווען די לעבעדיגע מענטשן האָבן צער, זענען זיי זיך אויך דעמאָלטס בצער, און אַז עס ווערט נגזר חס ושלום אַ גזירה, נעמען זיי זיך מתפלל צו זיין דאָס מבטל צו זיין. נאָר זיי האָבן נישט קיין רשות דאָס מגלה צו זיין צו מענטשן נאָר אַמאָל קומען זיי בחלום און זאָגען עס ברמז אַזוי ווי מיר געפינען ביי רבינו יחיאל דער פאָטער פון רבינו אשר ז"ל דאָס ער האָט געהאַט אין זיין שטאָט איין חבר וואָס ער איז אויך געווען אַ גרויסער חסיד, און זיי האָבן זיך זייער ליב געהאַט, האָבן זיי ביידע געשוואוירן אַז דער ערשטער צווישן זיי

וואָס וועט פריער שטאַרבן זאָל קומען צו זיין חבר צו חלום, און זאָל אים דערציילען ווי עס גייט מיט אַ מענטש בשעת ער שטאַרבט, און ווי מען איז זיך נוהג מיט דער נשמה נאָך דעם טויט.

## ער זאָל אים מוחל זיין זיין שבועה, ווייל ער האָט נישט רשות צו זאָגען קיין שום זאַך

**ה. ויהי היום,** איז רבינו יחיאל׳ס חבר נפטר געוואָרן, און אַז ער איז געוועזן אויף דעם בית הקברות איידער מען האָט אים נאָך באַגראָבן, איז רבינו יחיאל געקומען און געזאָגט פאַר׳ן עולם, הערט צו מיינע רביים, אַזוי און אַזוי האָבן מיר געשוואוירן איינער צום אַנדער׳ן, דערפאַר דערמאַן איך אים היינט פאַר אייך, ער זאָל זיין שבועה מקיים זיין. האָבן אַלע מענטשן געזען ווי דער ארון פון דעם מת האָט זיך אַביסל געשאָקעלט. האָבן זיי געעפענט דעם ארון ווייל זיי האָבן געמיינט אַז דער מת איז לעבעדיג געוואָרן. האָבן זיי געזען אַז די ברעמען פון זיינע אויגען שאָקלען זיך, האָבן אַלע געזאָגט אַז דאס איז אַ סימן אַז ער האָט נישט קיין רשות צו זאָגען. נאָך די שלשים איז דער חסיד דער מת געקומען צו חלום צו רבינו יחיאל, און האָט געבעטן ער זאָל אים מוחל זיין זיין שבועה, ווייל ער האָט נישט רשות צו זאָגען קיין שום זאַך.

## ציט אַוועק איירע הענט פון עבודת כוכבים, און אַלע שלעכטע מדות וואָס זענען גלייך צו עבודת כוכבים

**ו. הכלל העולה,** דער כלל איז, אַז אין דעם חודש ניסן מוזן מיר זיך דערוועקן תשובה צו טאָן אַזוי ווי אין דעם חודש תשרי. און דערפאַר שטייט אין פסוק ״מִשְׁכוּ וּקְחוּ לָכֶם צֹאן״, האָבן אונזערע חכמים ז״ל גע׳דרש׳נט דאָס וואָרט מִשְׁכוּ, ציט אַוועק איירע הענט פון צו דינען עבודת כוכבים, און פון אַלע שלעכטע מדות וואָס זענען גלייך צו דער עבודת כוכבים, דאָס איז די מדה פון גאַוה, און דער וואָס גיט נישט קיין צדקה, און דער וואָס האָט אַ פאַלשער צינג,

אַזעלכע עבירות זענען גלייך ווי ער דינט עבודת כוכבים. דערפאַר יעדער ווייסט וואָס פאַר אַן עבירות ער האָט געטאָן, מוז ער דערויף תשובה טאָן איידער עס קומט דער יום-טוב פסח. און אונזערע חכמים ז״ל האָבן שוין געזאָגט אַז יעדער מענטש מוז פאַר יום טוב זיך מטהר זיין דעם גוף און די נשמה, און אין דעם זכות וועלן מיר זוכה זיין צו טהרה און אַז משיח און אליהו הנביא זאָל קומען במהרה אמן.

❖ ❖ ❖